# קאַפּיטל איין און צוואַנציק

1 אוּן ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט צו ירושלים,
און זענען געקומען קיין בית־פּגי, ביים הר־
הזיתים, האָט ישוע דעמאָלט געשיקט צוויי פון זיינע
2 תלמידים, און געזאָגט צו זיי: גייט אַריין אין דעם
דאָרף, וואָס ליגט אַנטקעגנאיבער אייך, און תיכף
וועט איר געפינען אַן אייזל אָנגעבונדן, און אַ יונג־
אייזעלע ביי איר, בינדט זיי אויף, און ברענגט
3 זיי צו מיר. און אויב עמיצער וועט אייך
עפּעס זאָגן, זאָלט איר זאָגן: דער האַר דאַרף
4 זיי האָבן; און ער וועט זיי גלייך שיקן. און דאָס
דאָזיקע איז געשען, כדי עס זאָל דערפילט ווערן,
וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן דורך דעם נביא, אַזוי
צו זאָגן:

5 זאָגט דער טאָכטער פון ציון:
זע, דיין מלך קומט צו דיר,
אַן ענו, און רייטנדיק אויף אַן אייזל,
און אויף אַן אייזעלע, דאָס יונגע פון אַן אייזל.

(ישעיהו סב, יא; זכריהו ט, ט.)

6 און די תלמידים זענען געגאַנגען, און האָבן געטון
7 ווי ישוע האָט זיי באַפוילן, און האָבן געברענגט
דאָס אייזל מיט דעם אייזעלע, און אויף זיי אַרויפ־
געלייגט די מלבושים; און ער האָט זיך אַרויפגעזעצט
8 אויף זיי. און דאָס רוב פון דעם המון האָבן
אויסגעשפּרייט זייערע מלבושים אויפן וועג; און
אַנדערע האָבן אָפּגעבראָכן צווייגן פון די
ביימער, און זיי פאַנאַנדערגעלייגט אויפן וועג.
9 און די המונים, וואָס זענען געגאַנגען פאָרויס פאַר